הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (ויצא)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | וכל זה האמור תיקן |
| שני | או יאמר פירוש |
| שלישי | שהם בחינת ארבע |
| רביעי | והחיות ההוא הוא |
| חמישי | ועל ידי האור<br>עד ד"ה ויצא יעקב |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

# יחידהל

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
דינסטאג'דיגע פארברענג
ספעציעלע פארברענג
לייכט, קלאר, דערהויבן
יעדן דינסטאג אויף נומער 9

פרשת תולדות תשפ"ה / גליון קי"ג

## חסיד'יש געזעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# אה, דא איז ער!

## דער אויבערשטער באגיסט אונז מיט ליבשאפט יעדע רגע. עס איז נאר אזא שאד, אז מיר ווייסן דאס נישט און כאפן עס נישט אויף

דער ווייטאג איז א ווייטאג, אויף קיין שום איד נישט געזאגט, אבער וואס קען מען טון? עס איז קוים א יאר נאך די חתונה, און ליידער נתפרדה החבילה! איין צוויי חדשים'דיג קינד מיט נאמען יענקי האבן זיי געהאט צוזאמען, אבער אוי נעבעך, די שנאה האט געפירט דערצו אז דער טאטע האט באקומען א לעגאלע פארבאט זיך קיינמאל נישט צו באגעגענען מיט זיין קינד, און אזוי איז דאס קינד אויפגעוואקסן נישט ווייסנדיג ווער זיין טאטע איז.

וועלנדיג אפקילן די ווייטאג און זיך עטוואס בארואיגן, איז דער טאטע אוועקגעפארן אויף אויסלאנד, און דארט איז ער געווארן א ריזן עושר - פון די צען ערשטע עשירים אויף דער וועלט'ס ליסטע. אזוי איז אריבער פופצן יאר, וואס דער טאטע מיטן קינד האבן זיך קיינמאל נישט באגעגנט. יענקי איז שוין היינט א פופצן יעריגער בחור'ל - אבער זיין 'שורש' קען ער נישט! ער האט קיינמאל נישט געזען אפילו א בילד פון זיין פאטער.

א טאטע בלייבט א טאטע אויך פונדערווייטנס. אומגינסטיגע גריסן זענען אנגעקומען צום טאטנ'ס אויערן, אז מען האט פארשיקט זיין יענקי פון ישיבה צוליב זיינע מעשים טובים... ער דרייט זיך אויף די גאסן פוסט און ליידיג. דאס פאטערליך הארץ איז צושמאלצן געווארן פון ווייטאג, ער האט געשפירט ווי ער האלט עס נישט אויס. געלט האט דאך אים נישט געפעלט, האט ער אנגעהויבן איבערצודרייען א וועלט - אן דעם וואס יענקי זאל אפילו וויסן איבער דעם. דער טאטע האט געצאלט שווערע סומעס פאר ערפארענע יונגעלייט זאלן כאפן א שמועס מיט אים 'מסיח לפי תומו' און צוביסלעך ווערן 'חברים' מיט אים.

אויפן קומענדיגן 'התחלת הזמן' איז דער טאטע געגאנגען א שטאפל ווייטער, ער האט אויסגעשפענדט איבער א מיליאן דאלער אויפצושטעלן א ספעציעלע ישיבה - צוגעפאסט צום נפש פון זיין יענקי, אזוי אז יענקי איז שוין נישט אין גאס מער, ער איז שוין אויך אין די ווענט פון א ישיבה, ער האט זיכער געמאכט אז ער באקומט גוטע חברים צו לערנען, און אלע מגידי שיעור און משפיעים פון דער ישיבה זאלן האבן א נאנטן קשר מיט יענקי, ביז די השתדלות'ן האבן טאקע געברענגט די געוואונטשענע פירות, און יענקי האט אנגעהויבן צו ווערן א מענטש און א פיינער בחור.

געוועזן איז דאס איין טאג, ווען דער משגיח האט געכאפט גאר א היימישן שמועס מיט יענקי. יענקי האט זיך געעפנט דאס הארץ און דערציילט דעם משגיח איבער גאר טיפע און ווייטאגליכע געפילן וועלכע באגלייטן אים. זעענדיג אז עס איז אן עת רצון, האט זיך דער משגיח ערלויבט און געגעבן א פרעג - כאילו ער ווייסט פון גארנישט: "דו ביסט נאנט מיט דיין טאטן?". די שאלה האט געקוועטשט אויף די ריכטיגע קנעפלעך, און טרערן האבן זיך אנגעהויבן קייקלען אויף יענקי'ס באקן: "וועלכער טאטע? איך ווייס ניטאמאל וואו ער איז! ער לעבט זיך דארט ערגעץ אין אויסלאנד און הייבט נישט אן צו טראכטן וועגן מיר! אוי, פעלט מיר א טאטע! איך שפיר זיך ווי א שטיין אין גאס! איך שפיר זיך נישט פארזיכערט קיין איין רגע! איך וואלט אזוי שטארק געוואלט האבן א טאטן - פונקט ווי אלע בחורים! א טאטע וועלכער זאל זארגן פאר מיר, א טאטע וועלכער באגיסט מיר מיט ליבשאפט, און פשוט, א טאטע וועלכער איז 'מיין טאטע'..." צוכליפעט זיך יענקי ווי א קליין קינד.

ווי איבערראשט איז יענקי געווארן, ווען דער משגיח האט ארויסגענומען פון בערזל א קרעדיט קארד, און געפאכעט דערמיט: "די גאנצע ישיבה האלט זיך אויף דעם קרעדיט קארד! דו ווייסט וועמענ'ס קארטל דאס איז? דאס איז דיין טאטנ'ס קרעדיט קארד! ער איז דער וועלכער האט אויפגעשטעלט די דאזיגע ישיבה פאר דיינעט וועגן! אלע משגיחים און מחנכים, דער היכל הבית המדרש און די דארמיטארי, די יונגעלייט וואס לערנען מיט דיר און אפילו דער גוי וועלכער רייניגט דא - אלעס ווערט אויסגעהאלטן דירעקט דורך דיין טאטע וועלכער זארגט פאר דיר! דו ביסט אין גוטע הענט - מער ווי סיי וועלכער בחור דא אין ישיבה! דיין טאטע איז דא און באגיסט דיר מיט אהבה א גאנצן צייט - כאטש ער קען זיך ליידער נישט טרעפן מיט דיר פנים אל פנים! דו דארפסט בלויז וויסן און טראכטן דערפון!".

יענע נאכט איז יענקי געגאנגען שלאפן א נייער מענטש. ער האט יא א טאטע! און דער משגיח וועלכער האט אים דאס דערציילט - האט אים געטון דערמיט די גרעסטע טובה!

## ה' רועי!

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע אויף דער פרשה, ברענגט אראפ א מורא'דיגע ווארט פון זיין טאטן דער לינסקער רב זי"ע: **"נַקְדִּים לְפָרֵשׁ פֵּרוּשׁ אֲדוֹנִי אָבִי זִכְרוֹנוֹ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא עַל פָּסוּק 'ה' רֹעִי לֹא אֶחְסָר', שֶׁאָדָם הַיָּשָׁר מְחֻיָּב שֶׁיִּהְיֶה תָּמִיד פַּחַד אֱלֹקִים לְנֶגֶד עֵינָיו לְעָבְדוֹ יִתְבָּרַךְ, וְצָרִיךְ תָּמִיד לְהוֹדוֹת לְהַשֵּׁם עַל הַטּוֹבוֹת שֶׁמֵּטִיב עִמּוֹ בְּכָל שָׁעָה, בְּכָל מִינֵי טוֹבוֹת נִגְלִיִּים וְטוֹבוֹת נֶעֱלָמִים, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה 'כַּמָּה לֹא חָלֵי וְלֹא מַרְגִּשׁ גַּבְרָא דְּמָארֵי סִיְּעֵיהּ'. וְעַל זֶה הָיָה מִתְפַּלֵּל דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁלֹּא יֶחְסַר לוֹ תָּמִיד מַחְשָׁבָה זוֹ שֶׁהַשֵּׁם הוּא הָרוֹעֶה אוֹתוֹ מֵעוֹדוֹ, וְזֶהוּ 'ה' רֹעִי' - לֹא אֶחְסָר! הִתְפַּלֵּל שֶׁלֹּא יֶחְסַר לוֹ 'ה' רֹעִי'. וְדִבְרֵי פִּי חֲכָמִים חֵן וְיִרְאַת שָׁמַיִם".**

א מענטש קען זיך דרייען מיט די בעסטע זאכן אויף דער וועלט, אבער עס פעלט אים דעם אנערקענונג: "ווער איז דער וועלכער שפייזט מיר דא? ווער איז מיין טאטע? וואו איז ער? פון וואנעט קומט צו מיר אזויפיל גוטס?". אט אויף דעם זעלבסט דארף א מענטש שטענדיג מתפלל זיין: "ה' רועי" - לא אחסר! העלף מיר, עס זאל מיר נישט פעלן דעם אנערקענונג אז "ה' רועי" - דער אויבערשטער איז דער וועלכער שפייזט מיר! און דעמאלט וועט דער אויבערשטער זיין פארנט פון מיינע אויגן יעדע רגע, ווייל איך בין דאך ארומגענומען מיט זיין גוטס יעדע רגע!".

מיט דעם איז דער ראפשיצער רב מסביר די תפלה פון יצחק אבינו: **"וְעַל דֶּרֶךְ זֶה 'וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַהַשֵּׁם' - וּמָה הָיָה תְּפִלָּתוֹ? 'לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ' - כַּנִּזְכָּר לְעֵיל שֶׁיִּהְיֶה תָּמִיד נֶגֶד עֵינֵי כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל ה' נֹכַח עֵינֵיהֶם".** אויך דער חסד זעלבסט - אז מיר זאלן ממש שפירן, אז אלץ וואס מיר האבן, איז פונעם אויבערשטן

> **א מענטש קען זיך דרייען מיט די בעסטע זאכן אויף דער וועלט, אבער עס פעלט אים דעם אנערקענונג: "ווער איז דער וועלכער שפייזט מיר דא? ווער איז מיין טאטע?**

דירעקט - באקומען מיר פונעם אויבערשטן! און אויף דעם האבן יצחק אבינו און דוד המלך געבעטן.

## ער שטייט דא א גאנצן צייט

דער פאקטישער מציאות איז: דער אויבערשטער האט באשאפן מיליאנען עולמות מיט איין ציל, אז עס זאל אונז זיין גוט! דער אויבערשטער באגיסט אונז מיט ליבשאפט יעדע רגע. עס איז נאר אזא שאד, אז מיר ווייסן דאס נישט און כאפן עס נישט אויף. מיר זענען ארומגענומען מיט אזויפיל גוטס, אבער מיר שטעלן נישט צוזאם אז אונטער דעם - שטייט א ליבליכער טאטע וועלכער זארגט פאר אונז! א שאד אז מיר שפירן זיך א גאנצן צייט אומפארזיכערט און אפגעלאזט איינער אליינס אויף דער גרויסער וועלט. איינמאל מיר כאפן אויף, אז "ה' רועי", דער אויבערשטער שפייזט אונז - זעען מיר דאך דעם אויבערשטן פארנט פון אונזערע אויגן א גאנצן צייט, און מיר שפירן זיך פארזיכערט ווי די זארגלאזע שעפעלעך וועלכע גייען נאך זייער פאסטוך.

וויפיל גוטס האט יעדער פון אונז באקומען, ער האט געזונטע רמ"ח אברים און שס"ה גידים! ער האט משפחה און קינדער, א שטוב מיט אלעם גוטן. אבער אויב ווייסן מיר נישט

המשך אין עמוד ב

# שבת'דיגע דאווענען

## פארוואס ווערט די דאווענען פון שבת צופרי פארערכנט אלס די 'שפיץ' פון די וואך? • וואס מיינט 'קישוטים' פאר די שכינה הק'? • און וואס מיינט די 'יחוד' וואס ווערט דורך די 'קישוטים'?

**משפיע:** וויאזוי גייט עס, אברהם יצחק?

**אברהם יצחק:** ברוך ה', דער אויבערשטער זאל ווייטער העלפן. וואס גייען מיר היינט רעדן?

**משפיע:** וואס טראכסטו?

**אברהם יצחק:** מסתמא שבת... מיר האלטן דאך טיף אינמיטן!

**משפיע:** טאקע, דאכט זיך מיר אז מיר האלטן ביים דאווענען פון שבת צופרי.

**אברהם יצחק:** מיר האבן שוין אנגערירט דאס לערנען שבת צופרי פארן דאווענען, און די טבילה אין מקוה.ביידע זאכן זענען הכנות צום דאווענען, כ'מיין אז יעצט דארפן מיר רעדן פון דעם דאווענען אליין.

**משפיע:** אה, די שבת'דיגע דאווענען... צדיקים האבן מורא'דיג מפליג געווען די קדושה פון די שבת'דיגע דאווענענס! אין א געוויסע זין איז עס די שפיץ פון די גאנצע וואך, ס'איז די פינטל פון שבת. אויב אויף לערנען פארן דאווענען האבן זיך צדיקים אויסגעדריקט אז ס'איז 'גן עדן העליון', קען מען זיך פארשטעלן ווי געהויבן איז דאס דאווענען אליינס!

> **אויב אויף לערנען פארן דאווענען האבן זיך צדיקים אויסגעדריקט אז ס'איז 'גן עדן העליון', קען מען זיך פארשטעלן ווי געהויבן איז דאס דאווענען אליינס!**

**אברהם יצחק:** כ'וויל זאגן א זאך וואס וועט זיך הערן אביסל מאדנע, אבער צומאל שפיר איך אז איך דאוון בעסער אין ישיבה ווי שבת...

**משפיע:** גראדע איז עס נישט מאדנע, ס'ווייזט אז די שבת'דיגע דאווענענס איז אן אנדער שניט ווי די וואכעדיגע, ס'איז אן אנדערע בחינה, און פארשטייט זיך אז מ'קען זוכה זיין אנצוקומען דערמיט צו אסאך העכערע מדריגות ווי א געווענליכע דאווענען. אבער צוליב דעם דארף מען זיך 'ארייננפאסן' אין דער בחינה, און דעריבער איז דיר גרינגער זיך צו מתחבר זיין צו די וואכעדיגע דאווענענס ווי די שבת'דיגע דאווענענס.

**אברהם יצחק:** דער משפיע זאגט אז ס'איז שווערער זיך צו מתחבר זיין דערצו, וויבאלד ס'איז א העכערע בחינה?

**משפיע:** נישט פונקט. כ'האב נישט געזאגט אז ס'מוז זיין שווערער. פארקערט, צומאל איז עס אסאך גרינגער, וויבאלד די שבת'דיגע דאווענענס זענען געשטעלט אויף 'להתענג על ה'', זיך מחבר זיין צום אויבערשטן מיט א קלארע, ריינע הכרה. נאר וואס? ס'איז אנדערש און אייגנארטיג, און ס'קען זיין אז דו האסט זיך נאכנישט צוגעפאסט צום די סארט תפילה.

**אברהם יצחק:** נו, לאמיר שוין הערן די אייגנארטיגקייט פון תפילות שבת! און אויך, וואס טוה איך כדי זיך 'צופאסן' צו די סארט דאווענענס?

**משפיע:** צוערשט לאמיר ארויסהאבן די זאך אליינס: וואס איז די ספעציעלע מעלה פון שבת'דיגן דאווענען מער פון געווענליכע תפילות? און בכלל, וואס טוען די תפילות שבת אויפטון? וואס איז ספעציעל אין 'שבת צופרי'? כדי דאס אלעס צו פארשטיין וויל איך דיר זאגן א קליינע הקדמה, אפאר ווערטער וואס וועלן זיך הערן אביסל טיף, אויפן מינוט וועט עס דיר אפשר זיין שווער צו כאפן, אבער לאמיר צונעמען יעדע פרט, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועלן מיר ארויסקומען מיט א גאנצע זאך, מסכים?

**אברהם יצחק:** א שאלה?

## 'קישוטים' פאר די שכינה, וואס איז מיינט דאס?

**משפיע:** תמצית הדברים איז אזוי: **דער תכלית הבריאה איז, צו מאכן קישוטים פאר די שכינה הקדושה, און דורכדעם שאפן א גרויסע שעשוע און יחוד למעלה, און מכח דעם יחוד ווערט נשפע א גרויסע שפע און חיות פאר די גאנצע בריאה, בפרט צו נשמות ישראל.** במשך די וואך, גרייטן מיר אן 'קישוטים' פאר די שכינה הק', און שבת ביינאכט גייט די שכינה הק' ארויף מיט אלע קישוטים למעלה, און פון דעם ווערט געשאפן שבת צופרי א גרויסע יחוד אין די עולמות העליונים, און דאן ווערט נשפע גרויסע השפעות פאר נשמות ישראל און פאר די גאנצע בריאה.

**אברהם יצחק:** כ'האב נישט פארשטאנען קיין איין ווארט...

**משפיע:** ממש 'קיין איין ווארט'...?! האסט דאך שוין געהערט דא און דארט כאטש טייל פון די מושגים, אבער כ'בין מסכים מיט דיר אז די זאכן זענען בכלליות 'העכערע זאכן' און געבן אן איינדרוק ווי גלייך ס'האט נישט מיט דיר. לאמיר גיין שטאטליך און פרובירן מסביר זיין יעדע פרט. לאמיר אנהייבן פון אנפאנג: "תכלית הבריאה איז צו מאכן 'קישוטים' פאר די שכינה, און דורכדעם מאכן א גרויסע 'שעשוע' און 'יחוד' למעלה".

**אברהם יצחק:** וואס מיינט 'קישוטים'? ווער און וויאזוי מאכט מען עס?

**משפיע:** זייער פשוט. ווען א מענטש טוט א מצוה אדער לערנט תורה, מאכט ער א נחת רוח פארן אויבערשטן. אמת? אויב אזוי, די מינוט ס'זענען דא אידן אין די וועלט וואס טון דעם רצון ה', ווערט כבודו ית' דערהויבן און זיין קדושה ווערט מער נתגלה אויף די וועלט. דאס מיינט, כאטש "מלא כל הארץ כבודו", דער אור ה' איז ידענספאל מחיה און מהווה אלע חלקי הבריאה, אבער דער אור קען זיין באהאלטן און פארדעקט, אן איר גאנצע 'כבוד' און 'שיינקייט'. אבער ווען אידן זענען מקיים תורה ומצוות וואס שאפט א נחת רוח למעלה, זענען זיי 'מגלה' און 'שיינען אויף' כבודו ית' אויף די וועלט. ביז דא איז קלאר?

**אברהם יצחק:** יא.

**משפיע:** דאס איז פשוט פשט פונעם יסוד אז אונזערע מצוות געבן צו כח צו די שכינה הק'. זיכער איז דא דערין אן א שיעור עמקות און סודות, אבער דאס איז פשטות, און דאס איז אונז דערווייל נוגע.

**אברהם יצחק:** מסכים, אבער וואס מיינט 'קישוטים'?

**משפיע:** קישוטים מיינט דאס וואס כ'האב דיר געזאגט. ווייל ווען די שכינה - דאס מיינט כבודו ית' וואס רוהט אין די וועלט למטה, איז נישט 'באתגליא', ס'איז נישט בגלוי, הייסט דאס 'גלות השכינה'. וויבאלד דער אמת איז אז די שכינה הק' איז מחיה יעדן נברא, אפילו אזעלכע וואס גייען אנטקעגן איר רח"ל. אבער אין אזא אופן איז די שכינה הק' אין א גרויסע הסתר, און די הסתר ווערט אנגערופן 'לבושים צואים' רח"ל, וויבאלד די שכינה איז נישט אין קיין 'מכובד'דיגע' מצב כביכול. אבער ווען די שכינה ווערט נתגלה מיט איר גאנצע כבוד, דאס מיינט, ווען די נבראים אנערקענען און זענען מגלה אז די גאנצע בריאה איז נאר חיות ה', און אז איר תכלית איז נאר צו אויספירן רצונו ית' און מגלה זיין כבודו ית' - דאס הייסט אז די שכינה הק' באקומט 'שיינע לבושים' און 'קישוטים'.

**אברהם יצחק:** כ'מיין אז איך האב פארשטאנען, אבער ווען איך פרוביר עס צוזאמנעמען, ווער איך צומישט...

**משפיע:** לאמיר דיר עס מסביר זיין אין אנדערע ווערטער: שטעל זיך פאר א מענטש וואס איז געבענטשט מיט אלע מעלות, ער איז קלוג, איידל און איז דערצו א גרויסער גביר. טראכט אז איינמאל גייט ער און ער טוט זיך אן שמוציגע, צוריסענע קליידער וואס שמעקט אין אלע זייטן. ער וועט זיך דאכטן פאר יעדן ווי אן אפגעריסענער ארעמאן, א בטלן און א שלימזל. מ'וועט בכלל נישט דערקענען זיינע געוואלדיגע מעלות, וויבאלד ער גייט אנגעטון אין א וועג וואס פאסט נישט פאר אים. אין אזא אופן, טוט די 'לבוש' פארשטעלן דעם מענטשנ'ס אמת'ע מציאות.

אבער ווען דער מענטש וועט זיך אנטון שיינע, מכובד'יגע קליידער וואס פאסט פאר איינער ווי אים, וועלן זיינע קליידער ארויסווייזן זיין אמת'ע ווערד, און מאכן אז מ'זאל אנערקענען זיין מעלה. קומט אויס אז זיין 'לבוש' איז מגלה זיין מעלה.

די זעלבע איז כלפי די שכינה הק' כביכול. די שכינה געפינט זיך אייביג אין יעדע מציאות און אין יעדע פרט פון די בריאה, אבער מיר האבן נישט קיין שום השגה אין די שכינה אליינס. אלץ וואס מיר זענען משיג איז בלויז די 'לבושי השכינה'. דאס מיינט, די וועג וויאזוי מיר זענען משיג און באציען זיך צו די שכינה, הייסט 'לבוש'. אזויווי אין דעם משל, ס'איז דא אמאל וואס די שכינה איז זיך מתלבש אין א לבוש וואס איז איר מסתיר כביכול, און צומאל איז זי זיך מתלבש אין א לבוש וואס איז איר מגלה. דאס הייסט,

## חסיד'יש געערדט / המשך

המשך פון עמוד א

ווער עס שטייט אונטער דעם און דרייט איבער וועלטן - כדי אונז צו געבן דאס אלעס - פעלט אונז אלעס! אויב דער פאסטוך איז נישטא - איז נישטא גארנישט! און אויב דער פאסטוך איז דא - פעלט גארנישט! ווען מיר וועלן כאפן דעם "ה' רועי" - וועט זיך אלעס טוישן! פלוצלינג וועט יעדע זאך אין אונזער לעבן, ארויסשרייען געטליכקייט! און דאס וועט אונז ברענגען יראת שמים - נישט וועלנדיג זיך אפרייסן פונעם פאסטוך.

אין קורצן: **א)** דער פאקט איז: דער אויבערשטער דרייט איבער א וועלט - כדי דיר זאל גוט זיין! ער איז מיט דיר א גאנצן צייט און באזארגט דיר מיטן בעסטן און שענסטן **ב)** איינמאל דו וועסט עס אויפכאפן, וועסטו קודם כל פארדינען דערפון, א פארזיכערטע געפיל פון 'איך האב א טאטע וואס זארגט פאר מיר' **ג)** דו וועסט ווערן מקושר צו אים יעדע רגע - וויבאלד אלץ וואס דו זעסט זיך פארמאגן - איז דאך 'ער'! ד) אנצוקומען צו דער הכרה, מוז מען מתפלל זיין איינמאל און נאכאמאל, זיך בעטן: "ה' רועי" - לא אחסר!

אויב די אמת'ע מציאות פון אורו ית' ווערט נישט נתגלה אין די בריאה, קומט אויס אז די בריאה איז א לבוש וואס איז מסתיר חיותו ית'. אבער אויב די בריאה, און בעיקר די מענטשן, אנערקענען און זענען מגלה די אמת'ע מציאות פון חיות ה', זיי באנוצן זיך מיט די בריאה לויט רצונו ית', קומט אויס אז די שכינה איז זיך מתלבש אין א לבוש וואס איז איר מגלה, וויבאלד דורך די בריאה ווערט נתגלה כבודו ית'. דאס באדייט אז אונזערע מצוות מאכן 'קישוטים' און 'לבושים נאים' פאר די שכינה הק'!

**אברהם יצחק:** זייער שיין. אבער מיר מאכן דאס א גאנצע וואך, יעדעס מאל א איד טוט א מצוה מאכט ער קישוטים, וואס האט עס פונקט מיט שבת?

**משפיע:** גערעכט, במשך'ן וואך גרייטן מיר אן די קישוטים און לבושים, און שבת איז די תוצאה פון די אלע קישוטים. ווייל פארשטייסט אליינס, אז דער גאנצער ענין פון קישוטים איז נאר א הכנה צו עפעס. לאמיר גיין מיט אונזער משל פונעם קלוגן גביר, וואס דורכ'ן אנטון פאסיגע קליידער איז ער מכין אז מ'זאל זיך באציען צו אים מיט די ריכטיגע הערכה, און נישט מיינען אז ער איז א שלעפער פון גאס. נאר דאן קען מען הנאה האבן פון אים, און טאקע דעמאלטס קען ער ארויסברענגען זיינע כוחות אל הפועל, וויבאלד ווען מ'שעצט אים, מ'נעמט אן זיינע קלוגע געדאנקען, און מ'שלאגט אים פאר פארשידענע ביזנעס - קען ער אנהייבן שענקען זיין רייכטום פאר אלע נצרכים וואס ווענדן זיך צו אים נאר נאכן זיך דערוויסן אז ער איז א בעל יכולת.

דאס הייסט אז לבושים זענען א הכנה אנצוקומען צו א געוויסע מטרה. און אזוי איז אויך ביי אונז כביכול, די מצוות במשך'ן וואך זענען א הכנה צו אן אויסגעקוקטע ציל צו וואס מ'קען נישט אנקומען אן 'מקשט' זיין די שכינה מיט מכובד'יגע לבושים. און צו דעם ציל דערגרייכן מיר שבת.

**אברהם יצחק:** וואס איז טאקע די מטרה פון אלע קישוטים? וואס געשעט שבת, נאך וואס די שכינה קומט מיט קישוטים?

**משפיע:** לאמיר עס איבער'חזר'ן: **"די תכלית הבריאה איז, צו מאכן קישוטים פאר די שכינה הקדושה, און דורכדעם שאפן א גרויסע שעשוע און יחוד למעלה, און מכח דעם יחוד ווערט נשפע א גרויסע שפע און חיות פאר די גאנצע בריאה, בפרט צו נשמות ישראל".** מיר האבן שוין פארשטאנען אז קישוטים ווערן דורך אונזערע עבודות אין די ימי החול, סיי סור מרע און סיי עשה טוב. און די קישוטים האבן א תכלית: צו גורם זיין א שעשוע און יחוד גדול למעלה. און דאס ווערט אום שבת, דאס הייסט, די תענוג און שמחה וואס ווערט אין הימל דורך אונזערע מצוות - געשעט שבת.

**אברהם יצחק:** איך פארשטיי נישט. אויב טוה איך א מצוה אינמיטן וואך, ווערט נישט גלייך א שעשוע למעלה? מען דארף ווארטן ביז שבת ס'זאל ווערן א שמחה למעלה?

# אלע קישוטים נעמען זיך צוזאם אום שבת

**משפיע:** אוודאי אז יעדע פרט וואס מיר טוען שאפט א גרויסע שמחה און נחת רוח למעלה, אבער די שלימות'דיגע תענוג ושמחה ווערט דווקא ווען אלע פרטים קומען זיך צוזאמען, בשעת ס'ווערט נשלם די עבודה פון א גאנצע וואך - ווערט נתגלה כבודו ית' פון יעדע פרט אין די בריאה, דאס הייסט, פון יעדער טאג פון די ששת ימי המעשה. וויבאלד יעדער טאג איז א באזונדערע חלק פון די בריאה, און אין יעדער טאג זעלבסט איז אויך דא אסאך מיני עבודות, וואס פון יעדע עבודה און מצוה ווערט נאך אן אנדערע סארט קישוט. אוודאי מאכט יעדע פרט א נחת רוח למעלה, אבער די ציל איז אז אלע פרטים זאלן זיך צוזאמקלויבן אין איין גאנצע בנין, און דאן איז די תענוג און שעשוע למעלה מיט די גאנצע שלימות.

אזוי איז מבואר אין זוהר הק', אז ווען ס'קומט שבת איז די שכינה הק' זיך כביכול מקשט מיט אלע לבושים און קישוטים, און באווייזט זיך דערמיט פארן מלך און בארימט זיך דערמיט פאר אים מיט זיינע זיסע קינדער וואס האבן אנגעגרייט אזעלכע קישוטים. ווי דאס לשון אין זוהר הק' (ויקרא יג.), אז די שכינה הק' איז "קמת קמי מלכא ואמרת: חמי במאי ברא אתינא לקמך, במאי ברא אתערנא לגבך". און דאן קומט די גאנצע בריאה צו איר תכלית הנרצה. און פון דעם ווערט א גרויסע יחוד למעלה, און דעמאלטס ווערט נשפע גרויסע השפעות.

**אברהם יצחק:** כ'וויל ווייטער אויסקלארן דעם ענין, און בעיקר פארשטיין וואס ס'האט מיט די תפילות פון שבת צופרי, אבער כ'זעה אז דער זייגער האט זיך גערוקט, איך האף אז דער משפיע וועט מסכים זיין פארצוזעצן די קומענדיגע וואך.

**משפיע:** בעזרת ה'. לאמיר נאר ענדיגן מיט דעם, אז יעצט קענען מיר פארשטיין וואס דער אריז"ל זאגט אין 'אזמר בשבחין': "ימינא ושמאלא וביניהו כלה בקישוטין אזלא ומאנין ולבושין" - די ימות החול שטיין צורעכטס און צולינקס פון שבת, דריי טעג פאר און דריי טעג נאך שבת, און אינדערמיט שטייט די 'כלה' - די שכינה הק', דאס איז שבת קודש וואס איז זיך מתקשט דורך די קישוטים און לבושים נאים.

**אברהם יצחק:** ממש מורא'דיג. א גרויסן יישר כח.

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**'שמור רגליך כאשר תלך אל בית אלקים', היט דיינע טריט אז אזוי ווי דו גייסט זאל עס זיין א 'בית אלקים' א משכן פאר השראת השכינה.**

הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן זי"ע: (דברי מאיר, קהלת)



# ווער איז גערעכט?

דער שאק וואס האט באפאלן די שטובער פון צען פון די חשוב'סטע בעלי בתים אין בארדיטשוב, איז בליץ-שנעל געווארן די שטאט'ס נייעס.

"צען עילויים, אויסגעקליבענע איידעמער ביי די פרנסים פון בארדיטשוב, האבן זיך צוזאמגענומען צו א נסיעה קיין רוז'ין, זיך צו מסתופף זיין ביים קדוש ישראל", האט זיך צושפרייט די שרעקעדיגע שמועה.

"דער עולם ווערט אונז חסידים אונטער די נאז", שפרייט זיך אויס א וויי-געשריי איבער די בארדיטשובער גאסן, "זיי וועלן נאך נאכשלעפן דעם גאנצן יונגווארג מיט זיך", האבן זיי באקלאגט דעם טונקל-שווארצן מצב, אין זייער בליק.

נאך יענע נאכמיטאג האבן זיך די צען גערעגטע שווערן צוזאמגעזעצט אויף א דרינגנדע אסיפה דורכצוטון דעם שווערן פראבלעם, און טרעפן א לעזונג אפצוראטעווען דעם יונגן דור. די לעצטע פלאן אויף וואס יעדער האט צוגעשטימט איז געווען, צו פארן אינאיינעם צום רוז'ינער רבי.

"דער רוז'ינער רבי וועט נישט קענען מסכים זיין צו אזא חוצפה, צו אזא כפיות טובה", ערקלערט שמעון דער גביר פאר זיינע חברים, מיט א פנים רויט פון צארן, "אזוי צו פארראטן זייערע שווערן וואס האלטן זיי אויס, און זיך גיין זוכן נייע אומדערהערטע זאכן? ער וועט עס נישט קענען צולאזן!"

"אדער, זאל ער עס יא צולאזן, און מיר וועלן זיי פשוט מעלדן אז זיי קענען בלייבן ביי אים... זיי טארן נישט אהיימקומען אזוי!", האבן אנדערע גע'טענה'ט ברויזנדיג.

די החלטה איז געווען קלאר און שארף, און גלייך צומארגנס איז געשטאנען א וואגן פארנט פון שמעון'ס הויז, פון וואו די צען זענען געפארן קיין רוז'ין.

נאך אביסל ווארטן, איז די משלחת געווארן אריינגעלאזט צום היכל הקודש פונעם קדוש ישראל.

די צען קומען אריין אין דעם מלכות'דיגן היכל, און שטעלן זיך פארן צדיק קוקנדיג אויף אים ווי הינער אין בני אדם. זיי הייבן אן אויסצוגיסן זייער ווייטאג פארן רבי'ן.

ווי נאר זיי ענדיגן, זאגט דער צדיק:

"לאמיר אייך דערציילן א מעשה".

"געווען איז עס אין די צייטן פון מיין הייליגער זיידע, דער גרויסער מעזריטשער מגיד זי"ע, אין די שטאט וויטעפסק", הייבט דער צדיק אן.

"וויטעפסק איז געווען פיל מיט מתנגדים צו חסידות. ס'איז בלויז געווען א קליינע קבוצה וואס האבן דארט געעפנט א קליינע אייגענע בית המדרש, וואס זיי האבן אנגערופן 'חבורת מעזריטש'.

"די איינוואוינער פון שטאט, מורא האבנדיג פון די השפעה פון די חבורה חסידים, האבן מחרים געווען דעם בית המדרש אויף וואו און וואס מעגליך. די האס איז געווען אזוי שטארק, אז ווען א איינוואוינער האט גענומען אן איידעם פון א אנדער שטאט, האט ער אויסגענומען אין די 'תנאים' אז דער חתן וועט נישט איבערטרעטן דעם שוועל פון די 'חבורת מעזריטש' בית המדרש.

"דארט אין וויטעפסק האט געוואוינט א יונגערמאן, א למדן וואס איז געווארן אן איידעם ביי איינעם פון די רייכע אידן פון שטאט, וואס נאכן פארברענגען מיט די בני החבורה אין לערנען ווי ער האט איינגעזען אז זיי זענען גרויסע תלמידי חכמים, האט ער זיך אנגעשלאסן מיט זיי צו א נסיעה קיין מעזריטש צום גרויסן מגיד. ווען ער איז צוריק אהיימגעקומען, האט ער מורא געהאט צו שטעלן א פוס אין זיין שווער'ס הויז, און ער איז פארבליבן וואוינען פאר א לענגערע צייט אינעם בית המדרש, וואו זיינע חברים האבן אים געברענגט א רעפטל ברויט און אביסל וואסער. צום סוף האט זיך דער שווער דערוואוסט דערפון, ער האט זיך געוואנדן צו אים און זיי האבן געמאכט א קלארע אפמאך אז דער איידעם וועט מער אזוינס נישט טון, און דער שווער וועט אים צוריק אריינלאזן אין הויז.

"דער יונגערמאן איז צוריק אהיים, אבער נאך א קורצע תקופה איז אנגעקומען חודש אלול, און זיינע געגועים צו זיין רבי'ן האבן זיך געשטארקט. דער איבערגענומענער יונגערמאן האט עס נישט געקענט אריבערטראגן, און ער האט זיך ארויסגעשווערצט פון שטאט. נישט פארמאגנדיג קיין פיאסטער, האט ער געמאכט דעם וועג קיין מעזריטש צופוס. ער האט דארט געווײלט דורכאויס חודש אלול און תשרי, און דערנאך איז ער צוריקגעפארן קיין וויטעפסק, צום בית המדרש.

"דער גערעגטער שווער האט זיך דערוואוסט פון זיין אנקום, ער האט אריינגעשטורעמט אין בית המדרש און אים גערופן צו דין תורה ביים רב פון שטאט, פארן מְעַגֵן זיין זיין טאכטער פאר אזא לאנגע צייט.

"דער רב פון שטאט האט געעפנט א 'שולחן ערוך אבן העזר', אריינגעקוקט אין ש"ך, און גע'פסק'נט פארן שווער אז ער האט רעכט צו פארלאנגען א גט פון זיין איידעם. מער האט דער שווער נישט געדארפט, ער האט שטרענג געפאדערט זיין איידעם צו געבן א גט, אויף וואס דער איידעם האט געמוזט צושטימען.

דער יונגערמאן איז געבליבן אן גארנישט. ער האט זיך געוואנדן צום בית המדרש, זיין נייע קביעות'דיגע הויז, געגעסן און געטרינקען דאס ביסל וואס מ'האט אים געברענגט, און געשלאפן אויף א באנק.

נאך א שטיק צייט האט זיך דער יונגערמאנ'ס צושטאנד פארערגערט, ער איז געווארן שטערבליך קראנק און נאך א קורצע תקופה האט ער פארלאזט די וועלט, ל"ע.

די צען בעלי בתים פון בארדיטשוב שטייען געשפאנט פארן רבי'ן.

דעמאלטס האט זיך דער צדיק געקערט צו זיי און געזאגט:

"ווען משיח וועט קומען, וועט דער יונגערמאן רופן זיין שווער צו דין תורה פארן אים גורם זיין אוועקצוגיין פריצייטיג פון די וועלט. דער שווער וועט קומען און זיך ריינוואשן: דער רב האט מיר אזוי גע'פסק'נט לויט די ווערטער פונעם ש"ך!

"וועט אים משיח צדקינו ענטפערן: ביסט טאקע געווען גערעכט, אבער צוליב דעם בין איך אהערגעקומען: דיר צו מגלה זיין אז דיין איידעם איז גערעכט".

דאס הייסט, טאקע דערפאר בין איך געקומען, צו אנטפלעקן אז ווען דער 'עיקר איד' - דאס מיינט זיין נשמה - לעכצעט אויף חיות, איז זי אלעמאל גערעכט!

מקור: בית רוז'ין

# סגולות?! (א)

## וואס איז דער געדאנק פון 'סגולות': איז עס א וועג אויסצוקרויזן די תורה חלילה? האט עס עפעס א ספעציעלע כח?

## שאלה:

די וועלט וואו מיר געפינען זיך היינט איז פארפלייצט מיט אלע מיני סגולות, אויף אזוי ווייט אז ס'איז נישטא קיין צרה וואס האט נישט צענדליגער סגולות וואס קענען גלייך העלפן. אנגעהויבן פון לחשים אויף עין הרע, סארטן בשמים, חפצי קודש פון צדיקים, פארשידנארטיגע שטיינער און וואסערן; און גענדיגט מיט אלע סארט מצוות וואס מ'האט כמעט פארגעסן אז זיי זענען מצוות, זייענדיג א סגולה בדוקה ומנוסה פאר אלע מיני ישועות אין געזונט פרנסה נחת און נאך...

לעצטנס אינמיטן א חבורה מיט חברים, איז ארויפגעקומען די פראגע: וואס באדייט די אלע סגולות? ס'איז דאך ידוע אז אויב דער אויבערשטער מאכט אונז א חסרון, איז עס וויבאלד ער איז 'מתאווה לתפילתם של ישראל', און ער ערווארט אמונה, תשובה און תפילה פון אונז. אויב אזוי, וויאזוי קען דא א סגולה עפעס אויפטון? איז ערגעצוואו פארהאן אן 'אומוועג' אויסצוקרויזן תפילה און בטחון?

און אז מ'רעדט פון מצוות, קען דען זיין אז ווען מ'טוט איין מצוה, למשל נישט רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה, ווערט מען פטור פון אלע אנדערע מצוות?! פון די אנדערע זייט, קען מען נישט אפלייקענען די קראנטהייט פון סגולות, איבערהויפט אז מ'רעדט פון סגולות וואס שטייט אין חז"ל און פון אונזערע רבי'ס. וואס איז די אמת'ע צוגאנג צו די קאמפליצירטע נושא?

## תשובה:

פאר מיר גייען צו צום ענטפער, לאמיר קלאר שטעלן אז ס'איז דא א גרויסע חילוק צווישן **מצוות וואס זענען סגולות,** למשל וואס דו האסט דערמאנט - נישט רעדן ביים דאווענען (ווי אויך טרעפן מיר אין די תורה הק', אז כיבוד אב ואם איז א סגולה אויף אריכות ימים און נאך גוטע זאכן. אזוי אויך פארשידענע מאמרי חז"ל וואס האבן אויסגעדריקט אויף איין מצוה אז ס'איז מסוגל אויף עשירות, און אז אן אנדערע מצוה איז מסוגל אויף גוטע קינדער), מיט **סתם סגולות.** אצינד וועלן מיר נישט אנרירן די מצוות וואס זענען סגולות, נאר שפעטער אין די קומענדיגע גליונות בעז"ה, מיר וועלן זיך יעצט נאר שטעלן אויף **סגולות וואס זענען נישט קיין מצוות,** נאר זענען מבואר אין ספרים הק' אדער זענען באקאנט במסורה דור נאך דור (ווי באקאנט וואס דער הייליגער רשב"א שרייבט, אז אפילו א מסורה פון זקנות שבישראל האט א חשיבות).

פארשטייט זיך, אז מיר באציען זיך בלויז צו אזעלכע סגולות וואס האבן א מקור אין דברי חז"ל אדער מסורת ישראל. וויבאלד סגולות וואס האבן נישט קיין מסורת, נעמט זיך אדער פון הוילע נארישקייטן, אדער גאר פון 'דרכי אמורי', שטאמענדיג פון כוחות הטומאה וואס זיך באנוצן מיט זיי איז מורא'דיג חמור (און בכלל איז כדאי צו וויסן, נישט צו ווערן נאכגעשלעפט נאך אלע מיני 'עדווערטייזמענטס' און פארלירן דעם דעת פאר יעדע נייע המצאה און 'גילוי נפלא').

### די השפעה מלמעלה דורך א סגולה איז פונקט ווי א נאטורליכע רפואה

**די הגדרה איז אין קורצן: א סגולה איז אזויווי יעדע נאטורליכע פעולה!**

וויאזוי ארבעט א נאטורליכע פעולה? לאמיר נעמען א ביישפיל: א מענטש זייט איין א קערנדל און ס'וואקסט ארויס א גאנצער בוים דערפון. **וויאזוי האט דאס פאסירט? דער ענטפער איז אז ס'איז געשען א געוויסע 'סגולה':** השי"ת האט באשטימט אין די עולמות העליונים, אז ווען דער רוחניות'דיגער 'שורש העליון' פון א קערנדל גייט אריין אין דעם שורש העליון פון 'ערד' - שפראצט ארויס א שורש עליון פון א בוים. דאס אלעס פאסירט אין א רוחניות'דיגע צורה בגבהי מרומים, בגזירת הבורא אז ווען א מענטש דא אין די וועלט לייגט אריין א קערנדל אין די ערד, טוט ער אייגנטליך אריינלייגן דעם שורש העליון פון א 'קערנדל' אין דעם שורש העליון פון 'ערד', און פון דעם שפראצט ארויס א בוים למעלה, און אלס תוצאה, וואקסט אויך א בוים דא למטה.

ווייל דאס איז דער כלל: יעדע זאך וואס געשעט דא קומט פון דאס וואס געשעט אויבן, און די וועלט איז אזויווי איין לאנגע קייט, וואס ווען מ'שאקלט די אונטערשטע רינגלעך שאקלען זיך אויך די אויבערשטע רינגלעך, און די זעלבע פארקערט. דער אויבערשטער האט געמאכט אז ווען א מענטש טוט עפעס אויף די וועלט אין א פעלד, ווערט נתעורר דער שורש העליון פון 'פעלד'. אזויווי מיר טרעפן אין חז"ל אז יעדער גראז האט א מזל וואס קלאפט אים אויפן קאפ און הייסט אים וואקסן, און העכער אים איז דא א מלאך, און אזוי העכער און העכער. וויבאלד יעדע קלענסטע זאך דא למטה - איז פשוט א תוצאה פון דאס וואס געפינט זיך אנהייב פון דעם 'סדר ההשתלשלות'.

די זעלבע זאך איז אויך ווען א מענטש שמירט סיי וועלכע שמירעכטץ אויף א וואונד, און די וואונד היילט זיך אויס. וואספארא כח האט א שמירעכטץ אויסצוהיילן א וואונד? נאר השי"ת האט באשטימט אין דעם שורש העליון פון די 'שמירעכטץ', אז ווען איר שורש טרעפט זיך מיטן שורש פון א וואונד - ווערט א 'רפואה', און דערפאר ווען א מענטש שמירט אן זיין וואונד ווערט ער ערהוילט. פארשטייט זיך אז מיר זעען נאר די גשמיות'דיגע תוצאה, אבער אין אמת'ן הייבט זיך אלעס אן ביים שורש הרוחני.

**פון דאס אלעס קענען מיר פארשטיין, אז די זעלבע זאך פאסירט ביי סיי וועלכע סגולה וואס ס'זאל זיין.** צום ביישפיל: ווען ס'איז מבואר אין ספרים הק' אז די און די גראז איז מסוגל צו דאס און יענץ, מיינט דאס סך הכל אז דער שורש העליון פון די 'גראז' איז משפיע אויף יענע זאך, פונקט ווי דער שורש פון א קערנדל פועל'ט אויף דער שורש פון די ערד, און דער שורש פון א שמירעכטץ פועל'ט אויפן שורש פון קרענק, און אזוי ווייטער.

קומט אויס אז ס'איז נישטא קיין חילוק צווישן סגולות מיט נאטורליכע השתדלות'ן. די איינציגסטע חילוק איז, אז ווען מ'זייט איין א קערנדל אין די ערד ווייסט מען אז ס'ארבעט פון אויסגעפראוווטער מציאות, דאקעגן ביי א סגולה ווייסט מען נאר אז ס'ארבעט מכח אמונת צדיקים, מאמרי חז"ל און מסורת ישראל. אבער די פעולה אליינס איז פולשטענדיג א נאטורליכע זאך.

### ווען נישט רחמי שמים, זענען רפואות מיט סגולות גארנישט ווערד...

נאכן פארשטיין אז 'סגולות' איז א גענצליך נאטורליכע פעולה, און דאס ווייסן מיר שוין פון אלעמאל אז אלע טבעית'דיגע פעולות קענען גארנישט העלפן, זיי מאכן גארנישט אויס; נישט אויף פרנסה, נישט אויף רפואה און נישט אויף קיין שום זאך. מיר טוען זיי בלויז אלס חובת השתדלות, וויבאלד דער אויבערשטער האט אוועקגעשטעלט א סדר אין די בריאה אז יעדע השפעה ווערט נשפע בלויז אין א כלי, "וברכך ה' אלקיך בכל אשר תעשה", ווייל אזוי פארשטעלט ער זיין השפעה אין אן 'עשייה'. אבער דער אמת איז, אז ס'הייבט נישט אן צו העלפן, ס'איז ממש ווי א 'שפיל', און ווען השי"ת וואלטן אונז נישט געוואלט אויסהיילן, וואלט אויך טויזנט שמירעכטצער און מעדעצינען נישט געהאלפן. און ווען השי"ת וואלט אונז נישט געוואלט געבן פרנסה, וואלטן מיר געקענט זיין באראן ראטשילד און בלייבן פארשפארט אינעם שאץ-קאמער. וויבאלד די איינציגסטע זאך וואס העלפט - איז נאר בטחון אין אויבערשטן און דאווענען צו דער וואס טוט און געבט אלעס.

> א סגולה איז נישט מער ווי נאך א סארט 'השתדלות', ס'איז א טבע אזויווי אלע אנדערע טבעים וואס האבן גארנישט אין זיך, און נאר דעם אויבערשטנ'ס רעכטע האנט באגלייט אונז אויף טריט און שריט

און אזויווי די זאך איז ריכטיג לגבי יעדע טבע'דיגע השתדלות, איז עס ריכטיג לגבי סגולות. ווייל א סגולה איז נישט מער ווי נאך א סארט 'השתדלות', ס'איז א טבע אזויווי אלע אנדערע טבעים וואס האבן גארנישט אין זיך, און נאר דעם אויבערשטנ'ס רעכטע האנט באגלייט אונז אויף טריט און שריט. דעריבער איז אונזער עיקר תפקיד זיך צו אינגאנצן פארלאזן אויף אים און דאווענען צו אים.

**נאך מער:** פונקט ווי ווען א מענטש טוט א טבעית'דיגע השתדלות, איז דא א געוויסע סכנה אז ער וועט זיך נישט פארלאזן אויפן אויבערשטן חלילה נאר אויף זיין אייגענע השתדלות, וויבאלד ער פארגעסט אז אין אמת'ן האט זיין השתדלות נישט קיין שום משמעות, ס'איז בלויז א שפיל, און די אמת'ע ברכה און השפעה קומט ריין פון אויבערשטן - אזוי אויך איינער וואס טוט אין סגולות איז אין א געפאר זיך איינצורעדן אז זיינע סגולות האבן עפעס האפט, און ער קען פארגעסן אז ס'איז נישט מער ווי א 'השתדלות', וואס אן סייעתא דשמיא איז עס נישט ווערד די צייט כח אדער אנשטרענגונג.

דעריבער פאדערט זיך צו זיין ספעציעל וואכזאם ווען מ'טוט אין השתדלות, נישט צו געבן האפט און כח פאר די דרכי הטבע. דאס איז די מצוה פון 'תמים תהיה עם ה' אלקיך', וואס איז צו גלייבן און וויסן אז דער אויבערשטער טוט אלעס און די גאנצע טבע איז גארנישט ביי אים און ס'האט נישט קיין שום אייגענע כח. ווען ער וויל איז ער אלעס מבטל אין אן אויגנבליק, און ווען ער וויל קען ער ברענגען א ישועה אפילו למעלה מדרך הטבע, נאר השי"ת איז א טוב ומטיב און וויל נאר מיין גוטס, דעריבער פארלאז איך זיך אויף זיין רחמנות און ענדלאזע ליבשאפט - און בכלל נישט אויף די דרכי הטבע, נאר "ועל חסדך הגדול באמת ובתמים נשעננו".

הפצת הגליון בק"ק וויען נתנדב ע"י

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד
הרה"ח ר' חיים יהודה פריעדמאן שליט"א
לרגל הולדת בנו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנו רוב נחת דקדושה

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483